# פרשת וישלח ח׳ – י״ד כסלו תשע״ה לפ״ק

***יום ראשון פרשת וישלח***

בשעות הצהרים הגיעו לבית **רבינו שליט״א** חבורת תלמידים דישיבת חתן סופר שהצטיינו במיוחד בעבודת התפלה. **רבינו שליט״א** נשא לפניהם דברי חיזוק ועידוד, והאציל עליהם ברכות קדשו.

***וזה תוכן דבריו:***

**איך** האב הנאה צו הערן אויף ענק, אז מען לייגט אריין כוחות אין דאווענען. די פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון תפלה, ויפגע במקום (בראשית כח-יא), יעקב אבינו האט געדאווענט, און ער האט מתקן געווען תפלת ערבית פאר אלע דורות שפעטער. עס שטייט אין פסוק (שם כח-יב), אז יעקב אבינו האט געחלומ'ט, והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו, ער האט געזען א לייטער אויף די ערד און עס גייט ארויף ביזן הימל, און מלאכי אלקים גייען ארויף און אראפ אויף דעם לייטער.

**שטייט** אין הייליגע ספרים, אז סולם באטרעפט הונדערט זעקס און דרייסיג, אזויפיל וויפיל 'קול'. די 'קול' פון א יוד איז 'מוצב ארצה', עס איז דא אויף די ערד, 'וראשו מגיע השמימה', און די שפיץ פונעם קול מאכט א רושם אויבן אין הימל. וואס א יוד בעהט, און ער איז מתפלל, ער זאגט עס טאקע דא, אבער עס דרייט וועלטן אויבן אין הימל. מיר זעהן עס טאקע נישט, און וועגן דעם איז מען אסאך מאל מזלזל אין תפלה, אבער די גמרא (ברכות ז.) זאגט, אז תפלה איז מהדברים העומדים ברומו של עולם. עס איז ווערטער וואס שטייט און גייט ארויף, ברומו של עולם, אין די הייעך פון די וועלט, און ליידער בני אדם מזלזלין בהם, מענטשען זענען מזלזל אין תפלה.

**דער** 'סולם' איז 'מוצב ארצה', דער קול וואס א יוד דאווענט און לערנט, איז מוצב ארצה, עס איז אונטען, אבער 'ראשו מגיע השמימה', עס קומט אן אויבן אין הימל, אז א יוד דאווענט ערליך, האט ער א כח אויבן אין הימל, ישראל נותנים כח בפמליא של מעלה (זוהר ח״ב לב:), און אז ער איז מזלזל אין תפלה איז פארקערט, איז דא א ירידה. 'ומלאכי אלקים', און אפילו מלאכים אויבן אין הימל, עולים, צו זיי זאלן האבען א עליה, ויורדים, צו זיי זאלן האבען א ירידה, בו, איז תלוי אינעם מענטש.

**די גמרא (תענית ב.) זאגט, אז דאווענען איז א עבודה פונעם הארץ. מען זאגט טאקע ארויס די ווערטער מיט די מויל, אבער תפלה איז נישט די ווערטער וואס מען זאגט, נאר תפלה איז די עבודה וואס איז אינעם הארץ, דאס הארץ דארף זיין דערביי. נאר ווי אזוי קען א מענטש ארויס ברענגען זיין הארץ פארן אייבערשטן, אז ער דאווענט מיט א חיות, און ער זאגט ארויס די ווערטער מיט א קול, איז די קול מעורר הכוונה, די קול טוט ארויסברענגען די כוונה, און עס ווערט א עבודה אינעם הארץ. די עיקר עבודה איז די הארץ, נאר דער הארץ קען נישט צוקומען צו זיין עבודה, נאר דורך דעם וואס מען זאגט עס ארויס מיט א קול.**

**חשובע** בחורים וואס זיצען און לערנען, און דאווענען ערליך, עס דארף זיין ביידע, תורה מיט תפלה, איינס אן די אנדערע, האט נישט קיין חשיבות. אז מען לערנט און מען דאווענט, מען האט תורה, און מען האט עבודה, דעמאלטס האט מען הצלחה און סייעתא דשמיא, אז מען שטייגט אויס אין תורה און אין עבודת ה׳. זאל דער אייבערשטער העלפן ווייטער אויך, אז איר זאלט קענען וואקסען אין תורה און אין יראת שמים, און אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודן, און ענקערע עלטערן און רבי'ס זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר״ר **מאיר זאב גאלדבערגער** הי״ו (ב״פ), עב״ג בן הר״ר **משה מארגענשטערן** הי״ו (ב״פ), שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט״א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה מסר **רבינו שליט״א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ בית הכנסת סימן קנ״א סעיף י״א). אחר השיעור

השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** האט די וואך געלערנט אין די חבורה פון 'ובהם נהגה' (ברכות יג:), אז רבי האט אנגעהויבן צו לערנען מיט די תלמידים פארטאגס, און ער האט אריינגעצויגן דאס לערנען מיט די תלמידים אינעם טאג, און רב האט געזאגט פאר רבי חייא, אז ער האט נישט געזען אז רבי זאל ליינען קריאת שמע, ווען עס איז אנגעקומען די זמן פון קריאת שמע. האט ער אים געזאגט, בשעה שמעביר ידיו על פניו, בשעת ער לייגט ארויף די הענט אויפן פנים, דעמאלטס זאגט ער די פסוק פון שמע ישראל, און מיט דעם איז ער יוצא די מצוה פון קריאת שמע. פון דעם נעמט זיך די מקור, אז בשעת מען ליינט קריאת שמע לייגט מען ארויף די הענט אויף די אויגן.

**אין** די הייליגע ספרים שטייט א טעם, פארוואס מען לייגט ארויף די הענט אויף די אויגן בשעת מען זאגט שמע ישראל. ווייל א מענטש זעהט גוטס און שלעכטס, אזוי ווי די אויג קוקט עס אן. אויב די אויג זאגט אז עס איז גוט, מיינט ער אז עס איז גוט, און אויב די אויג זאגט אז עס איז נישט גוט, קוקט ער עס אן אז עס איז נישט גוט. **אבער האדם יראה לעינים (שמואל א טז-ז), דער אמת וואס עס איז גוט אדער נישט, ווייסט נאר דער אייבערשטער אליין. דער אייבערשטער ווייסט די עתידות, און ער ווייסט וואס עס וועט ארויסקומען דערפון. וויפיל זאכן איז דא, וואס א מענטש מיינט אז עס איז גוט, און שפעטער שטעלט זיך ארויס אז עס איז נישט אזוי. און אויף זאכן וואס ער האט געמיינט אז עס איז נישט גוט, שטעלט זיך ארויס אז עס איז געווען א געוואלדיגע טובה. מאתו לא תצא הרעות (איכה ג-לח), וואס דער אייבערשטער טוט איז מיט א חשבון, און אלעס איז פאר די טובה פונעם מענטש.**

**בשעת** מען ליינט קריאת שמע, זאגט מען שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד (דברים ו-ד). שם 'הוי"ה' איז מדת החסד, 'אלקינו' איז מדת הדין. ווען א יוד איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים, זאגט ער, שמע ישראל, 'ה', סיי מדת חסד, 'אלקינו' און סיי מדת הדין, ה' אחד, אלעס איז חסד. איי דער אויג זעהט אמאל זאכן וואס איז נישט גוט. דעקט מען זיך צו די אויגן בשעת מען ליינט קריאת שמע, קוק עס נישט אן, אזוי ווי דו קוקסט עס אן מיט דיינע אויגן, נאר דו זאלסט וויסן אז 'ה' אלקינו ה' אחד'.

**דער קול אריה** טייטשט, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב, אל תירא מרדה מצרימה, כי לגוי גדול אשימך שם וגו', ויוסף ישית ידו על עיניך (בראשית מו-ג), יוסף וועט לייגן די הענט אויף דיינע אויגן. זאגט דער **קול אריה**, ווי זעהט מען אין די תורה א מוסטער אויף דעם, א מעשה וואס האט אויסגעקוקט זייער ביטער, און עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט אז עס איז געווען א געוואלדיגע טובה. די מעשה פון יוסף מיט יעקב. מען האט צוגענומען יוסף, און מען האט אים פארקויפט פאר א עבד, און יעקב האט מתאבל געווען, און ער האט זיך נישט געקענט טרייסטן אז ער האט פארלוירן אזא קינד ווי יוסף. עס איז אדורכגעגאנגען צוויי און צוואנציג יאר, און יוסף לעבט, און ער איז א משנה למלך. ראוי היה יעקב לירד בשלשלאות של ברזל, אלא שזכותו גרמה לו (שבת פט:). ער איז געקומען קיין מצרים מיט אלע שבטי י-ה, און ער האט דארט א קינד וואס איז א מלך, און ער האט זיי אלע מפרנס געווען, און צוגעשטעלט וואס זיי דארפן פאר יארן לאנג. יוסף איז געווען דרייסיג יאר בעמדו לפני פרעה (בראשית מא-מו), און ער האט געלעבט הונדערט און צען יאר. זיבעציג יאר האט ער געגעבן צו עסן פאר אלע קינדער פון יעקב. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז געווען א געוואלדיגע טובה פאר יעקב, דאס וואס יוסף איז צוגענומען געווארן פון אים.

**יודען** גייען אראפ קיין מצרים, און עס קוקט אויס אז עס איז ביטער, אבער דער אייבערשטער האט א חשבון, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (שמות ג-יב), מצרים וועט מזכך זיין דעם כלל ישראל (דברים ד-כ), עס איז א טובה אז מען גייט אראפ. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר יעקב, 'אל תירא מרדה מצרימה', האב נישט קיין מורא אראפצוגיין קיין מצרים, עס איז נישט קיין ירידה, 'כי לגוי גדול אשימך שם', דארט וועסטו אויסוואקסען א גוי גדול. 'ויוסף', און דאס

וואס דו האסט געהאט צו טון מיט יוסף, 'ישית ידו על עיניך', דאס וועט לייגען דיינע הענט אויף דיינע אויגן. פארדעק די אויגן ווי אזוי דו קוקסט אן א זאך צו עס איז גוט אדער נישט. קוק אויף יוסף וועסטו זעהן, אז א זאך וואס האט אויסגעקוקט נישט גוט, איז געווען גוט.

**עס** קען זיין נאך א רמז, פארוואס מען לייגט ארויף די הענט אויף די אויגן, ווען מען איז מקבל עול מלכות שמים. **א מענטש איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים, ער נעמט אויף זיך עול תורה און עול מצות, אז ער וועט טון אלעס וואס דער אייבערשטער הייסט. אמאל קוקט עס אויס, אז עס קומט אים אויס א רעה, א שאדן, פון דעם וואס ער האט געטון. דער אייבערשטער הייסט אים האלטן שבת, ער קען נישט טון א מלאכה, און ער האט שאדן א זיבעטל פון זיין פרנסה, איין טאג אין די וואך ארבעט ער נישט. ער דארף קומען אין בית המדרש יעדן טאג, און קובע זיין עתים לתורה, מען האט אים צוגענומען א שעה פון די ארבעט, וואס ער קען נישט מצליח זיין. מען האט אים געהייסען נעמען זיין געלט און צוטיילען פאר צדקה, עס איז א הפסד, ער האט שאדן זיין פארמעגן. אבער דערוויל איז עס נישט אמת, מען האט נישט קיין שאדן. אין אדם שומע לי ומפסיד** (דב"ר ד-ה), **ווען א מענטש הערט צו וואס דער אייבערשטער זאגט, האט ער נישט קיין שאדן.**

**ווען** א יוד האלט שבת, נישט נאר ער האט נישט קיין שאדן, פון דעם וואס ער האט פארלוירן א טאג פון די ארבעט, נאר כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין (ח"ב פח.), די גאנצע ברכה פון א יוד איז תלוי אינעם שבת. ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו (בראשית ב-ג), דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט א ברכה אינעם שבת. - ער דארף גיין לערנען, און עס קוקט אויס ווי ער האט שאדן פון זיין פרנסה ווייל ער לערנט, אבער די גמרא (עבודה זרה יט:) זאגט, כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין, דארט ליגט דיין הצלחה. אז דו וועסט זיצען און לערנען תורה, וועסט האבען הצלחה אין די געשעפטן. - דו געבסט צדקה, און עס קוקט אויס ווי דו פארלירסט געלט, דו האסט אוועקגעגעבן פון דיין פארמעגן, אבער דער פסוק (דברים טו-י) זאגט, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך, אלע הוצאות פון צדקה זענען אינוועסטמענט"ס, דו געבסט פארן אייבערשטן, און דער באשעפער געבט דיך צוריק מער.

**בשעת א יוד איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים, דארף ער לייגן די הענט אויף די אויגן. קוק נישט ווי אזוי די אויגן זאגן, אז אויב דו וועסט מקבל זיין עול מלכות שמים, וועסטו ארויסגיין מיט א שאדן. לייג די הענט אויף די אויגן, דו קענסט נישט זעהן וואס עס וועט זיין שפעטער. דער אייבערשטער האט כמה דרכים ווי אזוי פון דעם שאדן וואס דו האסט געמיינט אז דו האסט ווייל דו ביסט מקיים די מצות פון די תורה, וועסטו באקומען א ברכה.**

**די** וואך אין די פרשה איז דא א קשר צו דעם, די מעשה פון רחל און לאה. יעקב האט געארבעט זיבן יאר, ווייל ער וויל חתונה האבען מיט רחל. און רחל האט פארציילט פאר יעקב אז ער האט צוטון מיט לבן, און דער טאטע וויל דא מאכן א שווינדל, ער וויל דיר געבן לאה. האט יעקב געזאגט פאר רחל, איך געב דיר סימנים, אזוי וועט מען וויסען צו די סימנים שטימען, און זי האט מקבל געווען די סימנים. נאכדעם האט זיך די מאמע רחל מיישב געווען, וואס וועט דא זיין, מען וועט שיקן לאה, און זי וועט נישט וויסען די סימנים, און זי וועט פארשעמט ווערן. זי קען נישט צולאזן, אז א יודיש קינד זאל פארשעמט ווערן. איז זי געגאנגען און זי האט איבערגעגעבן די סימנים פאר לאה. ויהי בבוקר והנה היא לאה (בראשית כט-כה), ביז צופרי האט ער נישט געוויסט, ווייל די סימנים האבן געשטימט, צופרי איז ער געוואר געווארן אז זי איז לאה.

**דאס** מסירת נפש וואס רחל האט געטון, איז אומשעצבאר, מען קען אפילו נישט משיג זיין וואס עס מיינט, אז מען ווארט זיבן יאר פאר א שידוך, און ביי די חתונה איז זי געזעצן ווי זי איז די כלה, און איבערנאכט פארלירט זי איר שידוך, זי געבט עס איבער פאר א שוועסטער. - אזא שידוך ווי יעקב אבינו, וועט זי מער נישט טרעפן אין די וועלט. יעקב איז געווען דער בחיר שבאבות, אפילו זי וועט טון די בעסטע שידוך, וועט זי נישט האבען אזא שידוך ווי יעקב. זי פארלירט אז זי וועט נישט זיין די מאמע פונעם כלל ישראל, כי ביצחק יקרא לך זרע (בראשית כא-יב), פון יעקב גייט ארויסקומען גאנץ כלל ישראל,

און זי וועט נישט זיין די מאמע פונעם כלל ישראל. און זי גיבט אלעס אוועק, יעצט ליגט אויף איר א מצוה, אכט צו געבן אז איר שוועסטער זאל נישט פארשעמט ווערן, און זי אפפערט אלעס פאר דעם.

**נאך** מער, רש"י (שם כט-יז) זאגט, אז לאה האט געוויינט ווייל מען האט געזאגט, אז עס איז דא צוויי קינדער ביי לבן, און צוויי קינדער ביי יצחק, איינער וועט גיין פאר יעקב, און איינער וועט גיין פאר עשו. און אז לאה וועט יעצט גיין פאר יעקב, וועט זי זיין פאר עשו. און זי האט געהאט מסירת נפש, און איבערגעלאזט א שידוך פון יעקב, אפילו זי גייט אפשר חתונה האבן מיט עשו. זי האט דאך נישט געוויסט צו יעקב וועט נעמעןביידע, אפשר וועט ער נישט וועלן נעמען צוויי ווייבער. און אפילו זי זאל יא האבן א חשבון אז זי וועט שפעטער חתונה האבן צו יעקב, וועט זי אויך פארלירן. ווייל א חלק פון די שבטים וועלן שוין זיין פאר לאה, ווייל לאה וועט אויך זיין א ווייב. און פון דעסטוועגן דאך האט זי נישט געקוקט דערויף, זי טוט וואס די רצון פונעם אייבערשטען איז יעצט. חשבונות פון שפעטער וועט זי לאזן פארן רבונו של עולם.

**וואס** האט זיך אבער שפעטער ארויסגעשטעלט. וואס וואלט געווען ווען זי וואלט נישט עומד געווען בנסיון, און זי וואלט חתונה געהאט מיט יעקב, און ורחל עקרה (שם כט-לא), זי קען נישט האבן קיין קינדער, זי וואלט ממילא נישט אויפגעשטעלט קיין דורות מיט יעקב. און עס וואלט אדורכגעאנגען אפאר יאר, יעקב זעהט נאך צען יאר אז עס איז נישט דא קיין קינדער, וואלט איר יעקב געגעבן א גט, ער דארף מקיים זיין מצות פריה ורביה. אבער אזוי ווי זי האט עס נישט געטון, און זי האט עס אוועקגעגעבן פאר לאה, זאגט די פסוק (שם ל-כב) ויזכור אלקים את רחל, דער אייבערשטער האט געדענקט פאר רחל, אז זי האט אוועקגעגעבן די סימנים פאר לאה, און דער אייבערשטער האט איר באצאלט, ויפתח את רחמה, און זי האט געהאט יוסף און בנימין. **זי האט גארנישט דערלייגט אויף דעם וואס זי האט אוועקגעגעבן לאה, נאר זי האט פארדינט.** ווייל ווען זי געבט נישט אוועק פאר לאה די סימנים, און זי האט חתונה, וואלט זי געבליבן אן קינדער, און אן די שבטים, ווייל זי איז דאך בעצם געווען א עקרה. אבער דורך דעם וואס זי האט אוועקגעגעבן פאר לאה, און דער אייבערשטער האט געזען וואס זי האט געטון, האט איר דער אייבערשטער באצאלט, אז זי איז געווארן אויס עקרה, און זי האט געהאט יוסף און בנימין. **די זעלבע זאך וואס זי האט געטראכט, אז דאס איז איר ערגסטע פעולה, די העכסטע שאדן, וואס זי קען טון פאר זיך אין איר לעבן, האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט, אז דאס איז געווען איר טובה.**

**און** דאס איז די טעם פארוואס מען לייגט ארויף די הענט אויף די אויגן בשעת מען איז מקבל עול מלכות שמים, ווייל א יוד דארף מקבל זיין עול מלכות שמים מיט א תמימות, טון וואס דער אייבערשטער הייסט, אן קיין חשבונות. א מענטש קען ממילא נישט אויסרעכענען, וואס עס וועט ארויסקומען שפעטער, און אז דער אייבערשטער זאגט, אין אדם שומע לי ומפסיד, אז מען האט נישט קיין שאדן, קען מען געטרויען פארן אייבערשטן, אז עס קומט נישט ארויס קיין שאדן.

*

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מאיר גאמבא** ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ברוין ע"ה (ב"פ, אלמנת הר"ר **בערל ברוין** ע"ה).

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת **הרה"ג רבי דוד סופר שליט"א** אב"ד פאקש, עב"ג בן **הרה"ג משה אריה ליבערמאן שליט"א** (טאהש), שהתקיים באולם מארקיז.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **נפתלי הערש לאנדא** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **אברהם יודא אראן** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום שני פרשת וישלח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יונתן בנימין עסטרייכער** ע"ה.

*

### יום שלישי פרשת וישלח

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** הוואָרט של בת הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו, עב"ג הר"ר **יעקב שמעון בראדי** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת שבע ברכות של החתן בן **הגה"צ אב"ד טאהש שליט"א**, עב"ג בת **הרה"ג רבי יחזקאל שרגא הורוויץ שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א** וחתן **כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א**, שהתקיימה בבית המדרש תולדות צבי ספינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן ועם **האדמו"ר מספינקא שליט"א** והמחותנים הגאוה"צ שליט"א.

*

### יום רביעי פרשת וישלח

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יעקב גוטמאן** הי"ו (בן הר"ר משה יוסף גוטמאן הי"ו, ב"פ), שהתקיים בבית המדרש מטה אפרים. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ רבי בנימין זאב לאנדא שליט"א** דומ"ץ טאהש ב"פ, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הוואכנאכט של בן ש"ב **הרב יחיאל מיכל גאלדשטיין שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א, חתן הרה"ג חיים אלעזר מאנדלאוויטש שליט"א, חתן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), שהתקיים בבית חותנו שליט"א.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **בצלאל לינק** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

*

### יום חמישי פרשת וישלח

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר השיעור עברו בחורי הישיבה לפני **רבינו שליט"א** בברכת פרידה לקראת נסיעתו לארה"ק. המנהל הרה"ג רבי **פישל לעווי** שליט"א מסר **לרבינו שליט"א** כוללות קוויטל של בחורי הישיבה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמואל זאב פריעדמאן** ע"ה (וומסב"ג).

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אליקים באדאנסקי** הי"ו (מאנסי), ושל בן הר"ר **אליעזר דוב סאמעט** הי"ו (ב"פ).

אחר האפשערן נסע **רבינו שליט"א** למסור שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודה.

*

### שבת קודש פרשת וישלח

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בעת אמירת הדברי תורה בסעודה שלישית הוסיף **רבינו שליט"א** בסיום דבריו, אשר מה' מצעדי גבר כוננו, ודרכו יחפץ בשבוע הבעל"ט לארצינו הק', ויתן השי"ת שנוכל להעתיר ולהתפלל בדבר ישועה ורחמים, ובפרט כעת שכלל ישראל נמצא בעת צרה, ויהי רצון שתתקבל תפלות עמו ישראל ברחמים. - בברכת המזון נתכבד הרב רבי **פרץ טובי' דייטש** שליט"א (בית שמש).

במוצאי שבת קודש נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לארה"ק.